וארא תשפ"ה
גליון 223

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדער זאָלְט איר מודיעַ זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

יאָר ב' אֲלָפים תמ"ח שְׁטאָט, רַעְמְסֵס:

מִישָׁאֵל זיצְט אויף אַ שְׁטֵיין, נאָך אַ שְׁווערע בִּיטֶערֶע טאָג אַרְבֶּעט, צֵאמְצוּקְלויבְּן די שְׁטְרוֹי און אוֹיסְמִישְׁן אִינֶעם געדעכְטְן ליים. ער קְרֶעכְצְט זיך אוֹיס מִיט אַ צֶעבְּרָאכן האַרְץ:

"ווי לַאנג נאָך, וועל איך אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטער שְׁווער בַּיי פַּרְעה? איך האָב נישְׁט קיין טאָג און קיין נאַכְט. אַ גַאנְצְן טאָג שְׁטֵייעֶן אויף מִיר די אוֹיבֶּערְהַארְן און לאָזְן מִיר נישְׁט אֲפִילוּ אַן אָטֶעם גֶעבְּן. ווֶעט זיך אַמאָל עֶנְדִיגְן מַיין פֵּיין?"

אַזוֹי אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶערְהֵייט, פִּילְט ער בַּיי זיך אַ טִיפֶע יאוּשׁ. אִינְמִיטְן קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן נישְׁט קיין בַּאקאַנְטֶער איד מִיט אַ גֶעטְלִיכֶער פָּנים און לֵייגְט זַיין האַנְט אויף מִישָׁאֵלְ'ס פְּלֵייצֶע.

"פַארְוואס בִּיסְטוּ אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר? פַארְוואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פַארְלאָשְׁן? דוּ ווֵייסְט אַז איך בִּין גֶעקוּמֶען בִּשְׁלִיחוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער דִיר אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דַיין שִׁעְבּוּד ווי די בִּיסְט אַזוֹי אוּנְטֶערְדְרִיקְט?! דוּ ווַייסְט בִּכְלַל ווער דוּ בִּיסְט?! בִּיסְט נישְׁט קיין קְנֶעכְט פַאר פַּרְעה, דוּ בִּיסְט אַ בַּאלִיבְּט קִינְד פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער!" זאָגְט ער אִים מִיט לִיבְשַׁאפְט, "און ווִיסְן זאָלְסְטוּ אַז בִּיז גאָר אַ קוּרְצֶע צַייט וועסְטוּ אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן פוּן מִצְרַיִם און נישְׁט נאָר דאָס, דוּ וועסְט זיך בַּאגֶעגֶענֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן פָּנים בְּפָנים בַּיי מַתַּן תּוֹרָה!"

מִישָׁאֵל זיצְט ווַיטֶער אויפְן שְׁטֵיין מִיט די פִּיס טִיף אַיינְגֶעטִינְקן אִין בְּלאָטֶע, "טוּ מִיר אַ טוֹבָה, שְׁטֶער מִיר נישְׁט פוּן מַיין אַרְבֶּעט. איך האָב נאָך אַסאַך אַרְבֶּעט וואס מוּז ווערְן פַארְטִיג בִּיז צְווֵיי שָׁעָה אַז נישְׁט ווֶעט זַיין בִּיטֶער. אֶפְשָׁר לֵייגְסְטוּ צוּ אַ האַנְט איך זאָל וואס שְׁנֶעלֶער צוּעֶנְדִיגְן? איך האָב נישְׁט קיין צַייט צוּ קוּקְן אויפְן הִימְל צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אַ גַאנְצְן טאָג אַרְבֶּעט איך מַמָּשׁ ווי אַ חֲמוֹר"...



דער עֶלְטֶערֶער איד ווערְט נישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן זַיין רֶעאַקְצְיֶע, "מַיין נאָמֶען איז מֹשֶׁה. איך בִּין אַ שָׁלִיחַ פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן דִיר צוּ אוֹיסְלֵייזְן. און אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט מִיר נישְׁט האָב איך אויף דֶעם קְלָארֶע בַּאווַייזְן." און גְלַייך גֶעבְּט אִים מֹשֶׁה אִיבֶּער די סִימָנִים.

מִישָׁאֵל מַאכְט גְלַייך זַיין רוּקְן און הֵייבְּט אויף זַיינֶע אוֹיגְן און הֶענְט צוּם הִימְל מִיט אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז ער האָט אִים הַיינְט צוּגֶעשִׁיקְט אַזַא גוּטְן שְׁלִיחַ וואס זאָל אִין אִים אַרַיינְבְּלאָזְן אַ פְרִישְׁן גֵייסְט.

דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (פ"ו חלק שני) בְּרֶענְגְט, אַז ווען מֶען האָט אַ שְׁמָאלְקַייט אִין

המשך אויף זייט 3

# פרעג מיין קינד

## קינדער פרעגן, מלמדים ענטפערן



**שְׁאֵלָה:** אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶענְדִיגֶע לֵייֶנֶער פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן. אוּן דִי נַייעֶ אָפְּטֵיילוּנְג פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַקְטוּעֶל צוּ קֶענֶען פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת.

**אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז אִין בְּרֶסְלֶב מַאכְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים. עֶס וָואלְט מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט גֶעוֶוען צוּ הֶערְן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן דֶערְבַּיי?**

**תְּשׁוּבָה:**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען אַזַא גוּטֶע שְׁאֵלָה וָואס אִיז זֵייעֶר נוֹיטִיג פַאר קִינְדֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן.

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹעֶלֶת וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז בַּאוואוּסְט פַאר יֶעדְן. אִיךְ וֶועל דִיר בְּרֶענְגֶען אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן הֵיילִיגְן סֵפֶר קְדוּשַּׁת לֵוִי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט: "וִוי מֶער מֶען פַארְמֶערְט צוּ רֶעדְן דִי לוֹיבּ פוּן צַדִּיקִים, בַּאהֶעפְט מֶען דִי זֶעל צוּ דִי מִדּוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן וָואס דֶער צַדִּיק הָאט דֶערְגְרַייכְט, אוּן וֶוען מֶען הֶערְט זַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועט מֶען וֶועלְן נָאכְגֵיין דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִּיק הָאט גֶעטוּן בִּיז וֶוען מֶען קֶען וֶוערְן מַמָּשׁ וִוי דֶער צַדִּיק אַלֵיין. דָאס אִיז בְּעֵרֶךְ זַיינֶע רֵייד אִין קוּרְצְן" (מסכת אבות על המשנה "מה בין תלמידיו של אברהם אבינו").

אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן זָאגְט דֶער רֶבִּי אַלֵיין עֵדוּת אַז זַיין עִיקַּר הִתְעוֹרְרוּת צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אִין מֶעזִיבּוּשׁ אִין זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶעס שְׁטוּבּ, וֶוען דִי צַדִּיקִים הָאבְּן דָארְט גֶעוַוייל אוּן אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב נָאךְ זַיין פְּטִירָה, דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט גָאר אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן דָאס הָאט אִים אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר הָאט דוּרְךְ דִי מַעֲשִׂיּוֹת זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵגוֹת.

אוֹיךְ זֶעט מֶען אַז דוּרְךְ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס מֵיינְט אַז מֶען הֶערְט אַ גֶעשֶׁעעֶנִישׁ וָואס הָאט צוּ זֵיי פַּאסִירְט, אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט גֶערֵיינִיגְט דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס דְרֵייט זִיךְ אִין מֹחַ אוּן מֶען אִיז מִיט דִי מַעֲשִׂיּוֹת מַמְתִּיק אַלֶע צָרוֹת אוּן דִינִים. יָא, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (תורה רל"ד חלק א') אוּן עֶר זָאגְט דָארְט אַז מֶען בַּאקוּמְט מוֹחִין דְגַדְלוּת - דָאס מֵיינְט אִין אִידִישׁ גֶערֶעדְט אַ גוּט גֶעלוֹיכְטֶע פְרִישֶׁע מֹחַ - דוּרְכְן הֶערְן אָדֶער דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, בְּקִצּוּר, מֶען קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁמָאלְקַייטְן אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע פוּן מֹחַ.

אִין שִׁבְחֵי הַבַּעַל שֵׁם וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן 'תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף' וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַז וֶוער עֶס דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת אוּן לוֹיבּ פוּן צַדִּיקִים אִיז עֶס וִוי גְלַייךְ עֶר אִיז עוֹסֵק אִין

מַעֲשֶׂה מֶרְכָּבָה! דָאס מֵיינְט גָאר הוֹיכֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

**וֶוען אִיז אַ גוּטֶע צַייט וָואס אִיז מְסוּגָל צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים?**

אִין סֶפֶר שִׂיחַ שַׂרְפֵי קוֹדֶשׁ (ח"ו תקלה) שְׁטֵייט, אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר עֶפֶּעס אַ צַדִיק אַז סְ'אִיז מְקֻבָּל אַז אוֹיב מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה, הָאט דֶער צַדִיק זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דְרַיי טָעוּתִים אִיז דָא פַארְהַאן: א) אַז דִי סְגוּלָה אִיז נִישְׁט נָאר מוֹצָאֵי שַׁבָּת ב) נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, נָאר פוּן סַיי וֶועלְכְן צַדִיק. ג) עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט נָאר פַאר פַּרְנָסָה נָאר אוֹיךְ פַאר אַלֶע סָארְט גֶעבְּרוֹיכְן וָואס אִיד דַארְף הָאבְּן.

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

דִי אֱמוּנָה דַארְף מֶען אַנְשְׁטָאט דֶעם טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת - סִגּוּפִים אוּן תַּעֲנִיתִים א.ד.ג. ר' נָתָן אִיז דַאן גֶעשְׁטַאנֶען פַארְן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַארְוואוּנְדֶערְט:

"מִיר הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה?!"

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעהוֹיבְּן זַיין קוֹל, וִוי אֵיינֶער זָאגְט: "אוֹיבּ דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, הָאסְטוּ אִין דִיר קַיין אֱמוּנָה נִישְׁט!" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן, אַז דֶער עִיקָר קַטְנוּת אִין דִי אֱמוּנָה אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז עֶר חָשׁוּב אוּן בַּאלִיבְּט אוּן טַייעֶר בַּיים בַּאשֶׁעפֶער. דָאס אִיז אַ גֶעוִויסֶע פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן קוּרְצְן מֵיינְט עֶס, אַז אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז אַ פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה. וַוייל לוֹיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסְקַייט אִיז יֶעדֶער אִיד חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן. עֲנָוָה מֵיינְט נִישְׁט הַאלְטְן פוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דֶער מַדְרֵיגָה פוּן זַיין אַן אֱמֶת'ער עָנָיו.

טֵבֵת תשפ"ה שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם:

בֶּערֶעלֶע דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז. עֶר וִויל נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן מֶענְטְשְׁן. עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ אַז דִי טוֹיזְנְטֶער מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג אִיז נִישְׁט גֶענוּג טַייעֶר אוּן לִיכְטִיג בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר מֵיינְט נָאךְ אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו - עֶר הַאלְט זִיךְ קְלֵיין מִיט זַיינֶע מִצְווֹת. אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן לוֹיט דִי תּוֹרָה, צוּ זָאגְן פַאר דִי אַרוּמִיגֶע: "אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד..."

אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים קוּמֶען צוּ אִים אוּן זָאגְן: "בֶּערֶעלֶע, בֶּערֶעלֶע, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי אַיינְגֶעבּוֹיגְן מִיטְן פְּטוּם אַרָאפּ? דוּ וֵוייסְט וֶוער דוּ בִּיסְט??? דוּ בִּיסְט דֶער אֵיין אֵיינְצִיגְסְטֶער קִינְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער!! אוֹיף דִיר שְׁטֵייעֶן אַלֶע וֶועלְטְן, מִיט יֶעדֶע רִיר אוּן רִיר, יֶעדֶע תְּנוּעָה וָואס דוּ רוּקְסְט זִיךְ יֶעדֶע פִּיצְקֶעלֶע הָאר וָואס דוּ טוּסְט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן טַייעֶר אוּן דוּ לוֹיפְסְט פָארְאוֹיס מִיט דֶעם אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן טוֹיזֶענְטֶער מֵיילְן!!

בֶּערֶעלֶע גֵייט אַרוּם אַ טֶענְצְל זִינְגְנְדִיג, "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"...... אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל מֶען שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקַייט זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן בַּאלַייכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וַוייל נָאר דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט. אָמֵן וְאָמֵן.

# אַ האַלְבֶּע בְּרוֹיט

אִין קְרוּמֶענְטְשׁוּק, אוּקְרֵיינֶע אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָואֹרְן אַ אִידִישׁ קִינְד בֶּן-צִיּוֹן צוּ זַיין טַאטְן רֶבִּי מָרְדְּכַי-מָאטִיֶע קַאנֶעלְסְקִי, אוּן זַיין מַאמֶע וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹנְ'לֶע דֶער מְשַׁמֵּשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בֶּן-צִיּוֹן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָואֹרְן אִין דִי תְּקוּפָה וֶוען קָאמוּנִיזוּם הָאט גֶעבּוּדְשֶׁעוֶועט אִין פוּלְסְטְן קְרַאפְט, נִישְׁט צוּלָאזְנְדִיג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן הַאלְטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

אָבֶּער זַיין טַאטֶע, ר' מָרְדְּכַי הָאט אַרַיינְגֶעדְרִינְגֶען אִין בֶּן-צִיּוֹן אוּן צוּ זַיין בְּרוּדֶער ר' נַחְמָן (רוּסִישֶׁער) אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַיינְגֶעוָוארְצְלְט טִיף אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער דוּרְכְאוֹיס אַלֶע זֵייעֶרֶע לֶעבְּנְס טֶעג.

עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען פַאר זֵיי אַ מְלַמֵּד וֶועלְכֶער פְלֶעגְט אִין דֶער בַּאהֶעלְטֶענִישׁ קוּמֶען צוּ זֵיי אִין שְׁטוּבּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, טְרָאץ דֶער גְרוֹיסֶער פַּחַד אוֹיבּ מֶען כַאפְּט אַזַא אֵיינֶעם עוֹבֵר זַיין אוֹיף דֶעם הַארְבְּן עֲבֵרָה.

נַיין יָאר אִיז בֶּן-צִיּוֹן גֶעוֶוען וֶוען זַיין פָאטֶער אִיז פְלוּצְלִינְג נִפְטַר גֶעוָוארְן, זַייעֶנְדִיג נִישְׁט מֶער וִוי פֶערְצִיג יָאר אַלְט. עֶר, זַיין בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער - וֶועלְכֶע הָאט שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ ר' נַפְתָּלִי דוּבִּינְסְקִי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן יְתוֹמִים. זֵייעֶר מַאמֶע דִי צַדֵּיקֶת וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אַ רֵיינֶע אִידִישֶׁע חִנּוּךְ אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען קַיין אוּמַאן, דָארְט הָאט גֶעוואוֹינְט דֶער פְלַאקֶערְדִיגֶע חָסִיד ר' יַעֲקֹב זִיטָאמִיר וֶועלְכֶע פְלֶעגְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוּן לֶערְנֶען בַּאהַאלְטֶענֶערְהַייט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. בַּיי אִים הָאט בֶּן-צִיּוֹן גֶעלֶערְנְט



תּוֹרָה בִּיז צוּ דֶער בַּר-מִצְוָה, שְׁפֶּעטֶער אִיז דִי מִשְׁפָּחָה צוּרִיק קַיין קְרוּמֶענְטְשׁוּק.

יֶענֶע תְּקוּפָה הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער הוּנְגֶער, יֶעדֶעס בִּיסְל עֶסְנְוַוארְג אִיז גֶעוֶוען וִוי אַ רִיזְן שְׁטִיק גָאלְד. אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג הָאט בֶּן-צִיּוֹן גֶעלֵייגְט אַן הַאנְט אוֹיף אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן זַיין מַאמֶע אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער. וִוי נָאר עֶר גֶעוָואנְדְן זַיינֶע טְרִיט אַהֵיים אִיז אִים אַ גוֹי אָנְגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צִיעֶן דָאס בְּרוֹיט. בֶּן-צִיּוֹן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען מִיט וֶועם עֶר הָאט צוּטוּן, זָאגְט עֶר צוּם עָרֵל: "נֶעם זִיךְ אַ הַאלְבְּן שְׁטִיק בְּרוֹיט, אָבֶּער גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס אַנְשְׁטָאט דֶעם!"

"אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן מַיין הֶעמְד," זָאגְט דֶער גוֹי אוּן טוּט אוֹיס זַיין הֶעמְד אוּן שֶׁענְק עֶס אַהִין. בֶּן-צִיּוֹן הָאט גֶערְן צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן דָאס הֶעמְד פַארְן גוֹי אוּן גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיין קְלֵיין שְׁטִיקְל מְצִיאָה, אַ הַאלְבֶּע בְּרוֹיט!

וֶוען דִי צְוֵייטֶע וֶועלְטְס קְרִיג הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן, הָאבְּן דִי רוּסִישֶׁע מִילִיטֶער – פַאר וֶועלְכֶע עֶס הָאט זִיךְ פַארְלַאנְגְט מֶענְטְשְׁן כֹּחַ - אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי יָארְן וֶוען מֶען מוּז זִיךְ שְׁטֶעלְן צוּם מִילִיטֶער דִינְסְט, צוּ זִיבֶּעצְן יָאר, דִי יָאר-גַאנְג פוּן ר' בֶּן-צִיּוֹן.

זַיין מַאמֶע הָאט גֶעטוֹישְׁט אִין זַיין גֶעבּוּרְטְס-שַׁיין דֶער דַאטוּם צוּ אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער. וֶוען דָאס יָאר אִיז אַרִיבֶּער הָאט גֶעשְׁוֶועבְּט אוֹיף אִים אַ שְׁרֶעק פוּן וֶוערְן אַרַיינְגֶערִיקְט אִין דֶער מִילִיטֶער, הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶעצֶער, אָבֶּער עֶר אִיז לַיידֶער פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי רוּסְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן אַנְדֶעקְט זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ.

זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מַאמֶע הָאט נִישְׁט שָׁלוֹם גֶעמַאכְט מִיטְן מַצָּב, זִי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּם מִילִיטֶערִישֶׁן בַּאזֶע וואוּ עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים צוֹים אוּן גֶעכַאפְּט אַ בְּלִיק אַרוּם, בִּיז זִי הָאט בַּאמֶערְקְט אַ זֶעלְנֶער, דֶער שׁוֹמֵר פוּנֶעם בַּאזֶע וֶועלְכֶער פְרֶעגְט אִיר וָואס פַארַא הִילְף זִי וִויל.

זִי שְׁרַייט אוֹיס צוּ אִים: "מַיין זוּן גֶעפִינְט זִיךְ דָא".

"וֶוער אִיז דַיין זוּן?" פְרֶעגְט דֶער זֶעלְנֶער.

וִוי נָאר זִי דֶערְמַאנְט זַיין נָאמֶען "בֶּן-צִיּוֹן קַאנֶעלְסְקִי" אִיז פַארְן גוֹי אַרוֹיפְגֶעשְׁוִוימֶען אִין זִכָּרוֹן

"דָאס אִיז דָאךְ דֶער יוּנְג וָואס אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אַ טוֹבָה פַארְן מִיר שֶׁענְקֶען אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט!"

דֶער פָּסוּק "שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל פְּנֵי הַמָּיִם כִּי בְּרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ". אִיז מְקֻיָּם גֶעוָוארְן דַאן אוּן מִיטְן הִילְף פוּנֶעם שׁוֹמֵר הָאט עֶר בַּאוִויזְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶּער עֶר הָאט בַּאלְד בַּאקוּמֶען דֶעם צוּנָאמֶען "אַן אַנְטְלוֹיפֶער", זַיין לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אִין גֶעפַאר אוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שְׁרֶעק אוּן פַּחַד, בִּיז עֶס אִיז אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע יָאר אוּן הָאט בַּאגֶעגְנְט אַ אִיד וֶועלְכֶער הָאט פַארְמָאגְט פּוֹילִישֶׁע שְׁרִיפְטְן, דֶער אִיד הָאט רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף אִים אוּן עֶס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן, פוּן יֶענֶעם מִינוּט אִיז זַיין נָאמֶען גֶעוָוארְן 'בַּארַאק קַנִיֶבְסְקִי'.

וֶוען דִי דַייטְשְׁן יִמַּח-שְׁמָם זֶענֶען אַרַיין קַיין קְרוּמֶענְטְשׁוּק, אִיז מִשְׁפַּחַת קַאנֶעלְסְקִי אַנְטְלָאפְן דוּרְךְ אַן אוּמְבַּאוואוּסְטְן וֶועג, זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער וֶועלְדֶער אוּן טַייכְן בִּיזְן גְרֵייכְן דֶעם שְׁטָאט טֶעשְׁקַאנְט אִין אוּזְבֶּעקִיסְטַאן, דָארְט הָאט ר' בֶּן-צִיּוֹן גֶעבּוֹיט זַיין שְׁטוּב מִיט זַיין חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּיצִין, וֶוען אַלֶע אִידְן פוּן שְׁטָאט נֶעמֶען אַנְטֵייל אִין דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם נֵייעֶם אִידִישְׁן פָּארְל וֶועלְכֶע בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב אִין אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן.

דָאס קָאמוּנִיסְטִישֶׁע גֶעזֶעץ הָאט אִים בַּאצְוִוינְגֶען צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, הָאט ר' בֶּן-צִיּוֹן גֶעעֶפְנְט אַ סְחוֹרָה גֶעשֶׁעפְט, עֶר זָאל קֶענֶען הִיטְן שַׁבָּת אוּמְגֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אַן אוּזְבֶּעקִיסְטַאנֶער גוֹי וֶועלְכֶער הָאט גֶעמַאכְט דִי מְלָאכוֹת וָואס אִיז אָסוּר פַאר אַ אִיד, וֶוען ר' בֶּן-צִיּוֹן שְׁטֶעלְט אוֹיס אַ פָּנִים כְּאִילוּ עֶר אַרְבֶּעט אַלֶע טֶעג פוּן דֶער וָואךְ. מִיט זַיינֶע כִיטְרֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאט עֶר בַּאוִויזְן נִישְׁט אָנְצוּרִירְן קַיין גֶעלְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת. אַזוֹי, הָאט עֶר יֶעדְן וָואךְ פוּן פְרִישׁ גֶעהַאט אַן עֶקְסְטֶערֶע מִלְחָמָה צוּ הִיטְן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

וִויבַּאלְד עֶר הָאט פַארְמָאגְט פּוֹילִישֶׁע שְׁרִיפְטְן הָאט עֶר אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְפָארְן פוּן רוּסְלַאנְד. אַ שְׁטִיק צַייט הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין כַארְקָאוו, פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ בַּאן קַיין וִוין עֶסְטְרַייךְ, פָארְנְדִיג קַיין אִיטַאלְיֶע אוּן קַפְּרִיסִין בִּיזְן דֶערְגְרֵייכְן זַיין צִיל, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

ר' בֶּן-צִיּוֹן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לַאנְגֶע גוּטֶע יָאר, אוּן גֶעזֶען אִידִישֶׁע נַחַת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. וֶוען דִי רוּסִישֶׁע וַואנְט אִיז גֶעפַאלְן הָאט ר' בֶּן-צִיּוֹן מִיט זַיין בְּרוּדֶער ר' נַחְמָן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן אַסַאךְ מָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוֹן אִין אוּמַאן אוּן גֶעוֶוען אַ חֵלֶק פוּנֶעם הֵיילִיגְן קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן צוּגֶעזֶען מִיט פְרֵייד דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוֹיפְבְּלִיאוּנְג פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידוּת נָאכְן חוּרְבָּן.




המשך פון די לעצטע זייט

איך גאָרנישט געדענקען וואס כ'האב געזען."

אין דעם וואונדערליכן משל לערנט אונז דער רבי די געוואלדיגקייט פון היטן די אויגן. ווי דער רבי זאגט:

"די אויגן זענען שטענדיג הויכע און פאַרכטיגע זאכן, אז א מענטש וואלט זוכה געווען צו כשר'ע אויגן, וואלט ער געוואוסט הויכע זאכן פון דעם וואס זיינע אויגן זעען, ווייל זיי זעען שטענדיג, נאר ער ווייסט נישט וואס ער זעט. צום ביישפיל: ווען מען פירט אריבער בליץ שנעל א זאך פאַרן מענטשנ'ס אויגן ווייסט ער נישט וואס ער האט געזען, טראָץ וואס ביים אדורכפירן האט ער עס זיכער קלאָר געזען, מיט דעם אלעם ווייסט ער נישט וואס ער האט געזען, אפילו ער האט עס געזען בשלמות, אבער וויבאלד אין די שנעלקייט איז נישט געווען קיין צייט אז די זע קראַפט זאל עס צוברענגען צום דעת (מח) ווייל כדי צו וויסן די זאך ווענדט זיך דאס אינעם דעת. פאַר דעם פעלט זיך אויס אביסל צייט, אז די זאך וואס ער זעט פאַר די אויגן זאל זיך אביסל זוימען אז די כח פון זען זאל דערלאַנגען צום מח די זאך וואס ער האט געזען." (ליקו"מ רנ"ד)



פון רבינ'ס הייליגע דיבורים לערנען מיר זיך ארויס אז די אויגן וואס מיר פאַרמאָגן זעען גאר הייליג און טייער, זיי זעען פאַר זיך שטענדיג גאר הויכע און דערהויבענע זאכן. פאַרוואס טאקע ווייסן מיר נישט וואס מיר זען? פאַרוואס שפירן אונז נישט די הייליגע זאכן וואס מיר זען?

אויב ווילן מיר יא וויסן באמת וואס מיר זעען און דאס פאַרשטיין, פאַרלאַנגט זיך אז מיר זאלן היטן אויף די אויגעלעך זיי זאלן זיין הייליג און אפּגעהיטן, מיר זאלן זיי היטן פון אלעם שלעכט וואס עס קומט נאר אנטקעגן, אדער סיי וועלכע נישט הייליגע זאך וועלכע עס פּאַסט נישט פאַר א אידיש קינד.

אז מיר וועלן האבן הייליגע אויגן, וועלן מיר ביסלעכווייז קענען שפירן און זען אלע הייליגע זאכן און געדענקן און באמערקן די באַשעפענישן וואונדער וואס עס שטייט פאַר אונזערע אויגן. אבער ווילאַנג די אויגן איז נישט ריכטיגע אפּגעהיטן לויפן די אלע שיינקייטן אריבער בליץ שנעל אונזער מח אבער מען קען דאס נישט אויפכאַפּן און אריינעמען צום הארץ.

לאמיר אלע קינדער היטן די אויגעלעך, קוקן אויף הייליגע זאכן, וועלן מיר זוכה זיין צו זען און פאַרשטיין וואס אונזערע הייליגע אויגן זעען.

# לעובדא ולמעשה

אין אַ געלעגנהייט האָט ר' נתן זיך אָנגערופן:
"עס איז כדאי און עס לוינט זיך אַלע סאָרטן פּלאָג און מי און איבערגעייעכצער וואָס אַ מענטש גייט אַריבער דורכאויס זיינע זיבעציג יאָר אויף דער וועלט צו וועלן ווערן נענטער צום באַשעפער, אויב עס וועט אים געלונגען צו האָבן איין שלעכטע מחשבה ווייניגער!"

האָט ר' אברהם ב"ר נחמן צוגעלייגט:
"ווער שמועסט נאָך, צוליב איין גוטע מחשבה מער, איז דאָך אַוודאי כדאי צו קומען אויף דער וועלט!"

• • •

ר' נתן האָט געזאָגט אַז עס האָט זיך אים געלוינט אַלע טרחות און פּלאָגעניש צו שרייבן די אַכט בענדער לקוטי הלכות, אויב וועט עס העלפן פאַר אַ איד צו האָבן אפילו נאָר איין שלעכטע מחשבה ווייניגער האָט זיך אַלעס געלוינט".

• • •

דער מושל פון שטאָט אומאַן מיט זיין סוויטע (עוזריו) האָבן אַמאָל באַזוכט די קלויז אין אומאַן וועלכע איז געווען געבויט מיט גאָר אַ שיינעם ספּעציעלן אויסזען. ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער געזען ווי עס שטייט ר' מענדל ליטוואַק מיט די הענט אין דער הייך און דאַווענט ברחמים און תחנונים מיט אַ דבקות צום באַשעפער ווי אַ קינד רעדט צו אַ טאַטן. דער מושל איז טיף באַנומען געוואָרן פון אַזאַ סאָרט דאַווענען, ער דרייט זיך אויס צו זיינע באַגלייטער און זאָגט: "ווען איך וואָלט געווען גאָט און ער וואָלט זיך אַזוי געבעטן צו מיר וואָלט איך אים אַלעס געגעבן וואָס ער פאַרלאַנגט!".

• • •

ר' שמחה'לע פון אומאַן איז געווען גאָר אַ פריילעכער אידל, זיין נאָמען האָט איבערגעשפּיגלט זיין מהות וואָס ער איז געווען, אַ צופרידענער מענטש וואָס מאַכט זיכער איז אַלע אַרום אים זאָלן שמייכלען.



ער האָט ביים לייגן טלית און תפלין געטון עטליכע עבודות וואָס דער רבי פאַרלאַנגט, ווייל דער רבי זאָגט (בתורה ח') אַז אין דער ציצית ליגט די רוח חיים וואָס מען באַקומט פונעם צדיק, דעריבער האָט ער דאַן זיך מתבודד געווען, געקרעכצט, געפּאַטשט א.א.וו.

אויך פלעגט ער ביים נעמען די טלית און תפלין אין האַנט אויסרופן אַזוי: "דער הייליגער רבי האָט דערציילט אין מעשה ד' אַז ס'איז געווען אַ מדינה וואו אידן האָבן נישט געטאָרט לייגן טלית און תפלין בפרהסיא, געלויבט השם יתברך וואָס שמחה'לע קען יאָ לייגן בפרהסיא" און אַזוי איז ער אַרויס מיט אַ פריילעכן טענצל.

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר | ב | פ | ר | ה | ס | י | א | נ | ה | ו | נ | מ | צ |
| ב | א | ע | ז | י | א | ס | ב | י | א | ג | ד | ל | מ |
| ג | ד | ט | ל | י | ת | צ | ש | ו | י | י | ל | ו | ע |
| ת | ק | פ | ש | ל | ק | ע | ו | י | נ | ד | י | ב | צ |
| ד | פ | פ | נ | י | מ | ע | ל | ה | ח | מ | י | ש | ד |
| נ | ש | ד | ו | ג | ג | ק | נ | א | ת | ו | ג | ו | ה |
| ט | ד | ה | ע | ע | ר | ג | י | ב | ר | פ | ו | א | ט |
| י | נ | ג | ו | ר | י | ו | מ | נ | נ | ב | ל | א | ל |
| ש | כ | ו | ע | י | צ | י | פ | ט | ה | פ | ה | י | ס |
| י | ע | ר | ל | ל | ש | י | ר | א | נ | ר | כ | ד | נ |
| נ | ק | ד | ב | ה | ו | ב | י | ד | ר | ה | נ | ז | נ |
| ש | צ | כ | ז | ת | י | י | י | ל | ע | ס | פ | ו | א |
| ו | ח | כ | פ | ל | י | א | ב | ב | ט | י | א | ו | ת |
| נ | נ | ג | ע | ט | א | ר | ט | ט | פ | א | ד | ח | ע |

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן
אזוי אויך טרעף די ווערטער אינעם היינטיגן גליון אין איינע פון די מעשיות

**...דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין מַעֲשֶׂה ד׳ אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ מְדִינָה ווּאוּ אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעטָארְט לֵייגְן טַלִּית אוּן תְּפִלִּין בְּפַרְהֶסְיָא, גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס שִׂמְחָה'לֶע קֶען יָא לֵייגְן בְּפַרְהֶסְיָא.**

אוּן אִיךְ בִּין דָארְטְן אוֹיךְ גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער 'הוֹיקֶער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) - הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "סְ'אִיז אֶמֶת, אַז אִיר הָאט דִי זַאךְ פוּן 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'. אוּן אִיךְ וֵוייס וָואס אִיר אַלֶע הָאט גֶעמֵיינְט (דְהַיְינוּ: דִי אַלֶע וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט, מִיט זַיין 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', וֵוייסְט עֶר וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעמֵיינְט).

אוּן אֲפִילוּ דֶער 'אוּנְטֶערְשְׁטֶער' [לֶעצְטֶער], וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט, אַז עֶר פִּירְט דֶעם גְרוֹיסְן 'סַגִי־נָהוֹר' - אִיז עֶר גְרֶעסֶער פוּן אַייךְ אַלֶע - לוּשְׁמִיר [אָבֶּער 'אִיךְ', בִּין נָאךְ גְרֶעסֶער, הֶעכֶער, פוּן אַייךְ אַלֶע.

וָוארְן דֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט, אַז עֶר פִּירְט דֶעם גְרוֹיסְן 'סַגִי־נָהוֹר' - מֵיינְט עֶר, עֶר פִּירְט דֶעם 'גַלְגַל־הַיָרֵחַ' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'הִימְל' וָואס דִי 'לְבָנָה' אִיז דָארְט).

וָוארְן דִי 'לְבָנָה' הֵייסְט אַ 'סַגִי־נָהוֹר', וָוארְן זִי לַייכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין וְכוּ' - אוּן 'עֶר' פִּירְט דִי 'לְבָנָה' - כָאטְשֶׁע 'עֶר' אִיז אַ 'קְלֵיינֶער', אוּן דֶער 'גַלְגַל' פוּן דֶער 'לְבָנָה' אִיז זֵייעֶר 'גְרוֹיס', אוּן דָאס אִיז אַ קִיוּם פוּן גָאר דֶער וֶועלְט (כְּלוֹמַר: דוּרְכְדֶעם הָאט גָאר דִי וֶועלְט אַ קִיוּם), וָוארְן דִי וֶועלְט בַּאדַארְף זִיךְ דִי 'לְבָנָה'.

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס], אִיז דֶער בְּוַודַאי אַ רֶעכְטֶער [רִיכְטִיגֶער] 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' - לוּשְׁמִיר אָבֶּער מַיין 'מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', אִיז הֶעכֶער גָאר פוּן אַלֶע.

וְהָא־רַאְיָה - וָוארְן אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'כִּיתָּה', וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקְלֶערְט: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] אִיטְלֶעכֶע 'חַיָה' הָאט זִיךְ אִיר 'צֵל' (דְהַיְינוּ: אִיר 'שָׁאטְן'), וָואס נָאר אִין דֶעם 'שָׁאטְן' דַוְוקָא, וְוִיל זִי דָארְט זַיין - אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיטְלֶעכֶע 'חַיָה' אִיר 'שָׁאטְן' בַּאזוּנְדֶער - וָוארְן אִיטְלֶעכֶע 'חַיָה', קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַ 'שָׁאטְן', אוּן אִין דֶעם 'שָׁאטְן' דַוְוקָא, וְוִיל זִי נָאר רוּעֶן.

אוּן אַזוֹי אִיטְלֶעכְס 'עוֹף', הָאט זִיךְ זַיין 'צְוַוייג', וָואס אוֹיף דֶער 'צְוַוייג' דַוְוקָא, וְוִיל דָאס 'עוֹף' רוּעֶן, אוּן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע 'צְוַוייג' נִישְׁט - אוּן דָאס אַנְדֶערֶע 'עוֹף', הָאט זִיךְ אַ אַנְדֶערֶע 'צְוַוייג', וָואס נָאר דָארְט רוּהְט עֶס, אוּן אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע 'צְוַוייג' נִישְׁט - אוּן אַזוֹי אִיטְלֶעכְס 'עוֹף', הָאט זִיךְ אַלְץ זַיין 'צְוַוייג' דַוְוקָא.

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן דִי 'כִּיתָּה' גֶעקְלֶערְט: אוֹיבּ סְ'גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ 'בּוֹים', וָואס אִין זַיין 'שָׁאטְן' זָאלְן רוּעֶן, אַלֶע 'חַיוֹת' - וָואס אַלֶע 'חַיוֹת' זָאלְן וֶועלְן רוּעֶן אִין דֶעם 'שָׁאטְן' פוּן דֶעם 'בּוֹים' - אוּן אוֹיף דִי 'צְוַוייגְן' פוּן דֶעם 'בּוֹים', זָאלְן רוּעֶן אַלֶע 'עוֹפוֹת'.

הָאבְּן זֵיי דֶערְקְלֶערְט, אַז סְ'גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ 'בּוֹים' - הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט אַהִינְגֵיין צוּ דֶעם 'בּוֹים' - וָוארְן דֶער 'תַּעֲנוּג' וָואס סְ'אִיז דָארְט בַּיי דֶעם 'בּוֹים', דָאס הָאט גָאר קַיין שִׁיעוּר נִישְׁט - וָוארְן דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אַלֶע 'חַיוֹת' מִיט אַלֶע 'עוֹפוֹת' - אוּן דָארְט אִיז קַיין שׁוּם הֶיזֵק [שָׁאדְן] נִישְׁט פַארְהַאנְדְן, פוּן קַיין שׁוּם 'חַיָה' (כְּלוֹמַר: קַיין שׁוּם 'חַיָה' אִיז דָארְט נִישְׁט מַזִיק קֵיינֶעם) - אוּן אַלֶע 'חַיוֹת', זֶענֶען דָארְט אַלֶע אוֹיסְגֶעמִישְׁט, זֵיי אַלֶע שְׁפִּילְן זִיךְ דָארְט - אוּן סְ'אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'תַּעֲנוּג', צוּ זַיין דָארְט בַּיי דֶעם 'בּוֹים'.

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן: וְוִירִימֶער [וְוִי אִימֶער] מְ'בַּאדַארְף צוּ גֵיין, אַז מְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם 'בּוֹים'. אִיז גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן זֵיי אַ 'מַחֲלוֹקֶת' אִין דֶער זַאךְ - אוּן סְ'אִיז צְוִוישְׁן זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מַכְרִיעַ. וָוארְן דֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אַז מְ'בַּאדַארְף גֵיין אַהֶער אִין דֶער זֵייט קַיין מִזְרַח".

אוּן דֶער הָאט גֶעזָאגְט: "קַיין מַעֲרָב זֵייט בַּאדַארְף מֶען גֵיין". אוּן דֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אַהֶער" - אוּן דֶער: "אַהֶער". בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט וִויסְן דֶעם רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] וֶועג, וְוִירִימֶער [וְוִי אִימֶער] מְ'בַּאדַארְף צוּ גֵיין, אַז מְ'זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים.

אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָכָם, אוּן הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס קְלֶערְט אִיר, דוּרְךְ וֶועלְכֶער זֵייט מְ'בַּאדַארְף צוּ גֵיין צוּ דֶעם 'בּוֹים'? - קְלֶערְט פְרִיעֶר, וֶוער סְ'זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען צוּ דֶעם 'בּוֹים'.

וָוארְן צוּ דֶעם 'בּוֹים', קֶען נִישְׁט אִיטְלֶעכֶער קוּמֶען - וָוארְן צוּ דֶעם 'בּוֹים' קֶען מֶער נִישְׁט קוּמֶען, נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט דִי 'מִדוֹת' פוּן דֶעם 'בּוֹים'.

וָוארְן דֶער 'בּוֹים' הָאט דְרַיי 'שָׁרָשִׁים' (דְהַיְינוּ: דְרַיי

וָוארְצְלְן) – אֵיין ׳שׁוֹרֶשׁ׳ אִיז ׳אֱמוּנָה׳ (אַז מ׳זָאל גְלֵייבְּן אִין ׳גָאט בָּרוּךְ הוּא׳) – אוּן דֶער אַנְדֶערֶער ׳שׁוֹרֶשׁ׳ אִיז ׳יִרְאָה׳ – אוּן דֶער דְרִיטֶער ׳שׁוֹרֶשׁ׳ אִיז ׳עֲנִיווּת׳ (דְהַיְינוּ: מ׳זָאל פוּן זִיךְ, נִישְׁט הַאלְטְן) – אוּן ׳אֱמֶת׳ אִיז דֶער ׳גוּף׳ פוּן דֶעם ׳בּוֹים׳, דְהַיְינוּ: דֶער ׳בּוֹים אַלֵיין׳ אִיז ׳אֱמֶת׳ – אוּן פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס ׳צְוַוייגְן׳.

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] קֶען קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם ׳בּוֹים׳ – נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ דִי ׳מִדּוֹת׳ פוּן דֶעם ׳בּוֹים׳״ – (דְהַיְינוּ: ׳אֱמוּנָה׳, עֶר זָאל גְלֵייבְּן אִין גָאט – אוּן ׳יִרְאָה׳, עֶר זָאל מוֹרָא הָאבְּן פַאר גָאט – אוּן ׳עֲנִיווּת׳, עֶר זָאל פוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט הַאלְטְן – אוּן ׳אֱמֶת׳).

(אַזוֹי הָאט דֶער ׳חָכָם׳ גֶעזָאגְט צוּ דֶער ׳כִּיתָּה׳). דִי ׳כִּיתָּה׳ הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע גֶעהַאט דִי ׳מִדּוֹת׳ – נָאר אַ טֵייל פוּן זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ גֶעהַאט דִי ׳מִדּוֹת׳ הַנַּ״ל.

אִיז אָבֶּער צְווִישְׁן זֵיי, גֶעוֶוען זֵייעֶר [אַ] גְרוֹיס ׳אַחְדוּת׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳כִּיתָּה׳ הָאבְּן זִיךְ אַלֶע לִיבּ גֶעהַאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם) – הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּטֵיילְן אֵיינֶס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, אַז אַ טֵייל זָאלְן יָא גֵיין צוּם ׳בּוֹים׳ (דְהַיְינוּ: דִי וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין יָא דִי ׳מִדּוֹת׳ פוּן דֶעם ׳בּוֹים׳), אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע זָאלְן בְּלַייבְּן – הָאבְּן זֵיי דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם – נָאר מ׳מוּז וַוארְטְן, בִּיז אַלֶע זָאלְן זִיךְ דֶערְהָארֶעוֶוען צוּ דִי מִדּוֹת, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אַלֶע קֶענֶען קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים.

הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהָארֶעוֶועט, בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּ דִי ׳מִדּוֹת׳ הַנַּ״ל – (דְהַיְינוּ: זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעוַוארְט אֵיינֶס אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן, בִּיז אַלֶע הָאבְּן זִיךְ דֶערְהָארֶעוֶועט, אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּ דִי ׳מִדּוֹת׳ הַנַּ״ל – דְהַיְינוּ: זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע גֶעהַאט ׳אֱמוּנָה׳ אוּן ׳יִרְאָה׳ וְכוּ׳, כַּנַּ״ל).

ווִי זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּ דִי ׳מִדּוֹת׳ – אַזוֹי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע גֶעקוּמֶען אוֹיף אֵיין ׳דֵעָה׳ – אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע מַסְכִּים גֶעוֶוען אוֹיף ׳אֵיין וֶועג׳, אַז מִיט ׳דֶעם וֶועג׳ בַּאדַארְף מֶען גֵיין צוּ דֶעם ׳בּוֹים׳ – זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אַ צַייט, בִּיז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעזֶעהְן דֶעם בּוֹים פוּן וַוייטְן.

דֶערְוַוייל טוּעֶן זֵיי אַ קוּק, שְׁטֵייט גָאר דֶער ׳בּוֹים׳ אוֹיף קֵיין אָרְט נִישְׁט – וָוארְן דֶער ׳בּוֹים׳ הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִישְׁט – אוּן אַז עֶר הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִישְׁט, וְויאַזוֹי קֶען מֶען צוּ אִים קוּמֶען?

אוּן ׳אִיךְ׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳הוֹיקֶער׳ וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ), בִּין דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט זֵיי – הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: ״אִיךְ קֶען אַייךְ יָא בְּרֶענְגֶען צוּ דֶעם בּוֹים״.

וָוארְן דֶער ׳בּוֹים׳ הָאט גָאר קֵיין ׳אָרְט׳ נִישְׁט – וָוארְן דֶער ׳בּוֹים׳ אִיז ׳לְמַעְלָה־מֵהַמָּקוֹם׳ (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז ׳הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט׳ פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט גָאר קֵיין ׳אָרְט׳ נִישְׁט) – אוּן דִי זַאךְ פוּן ׳מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה׳, אִיז זִיךְ נָאךְ אִין דֶעם ׳אָרְט׳.

וָוארְן כָאטְשֶׁע ס׳אִיז ׳מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה׳, דְהַיְינוּ: ״אַבִּיסְל ׳אָרְט׳, הַאלְט פִּיל מֶער, אֵיידֶער אוֹיף דֶעם ׳אָרְט׳ קֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן״ – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, אִיז זִיךְ דָאס נָאךְ אִין דֶעם ׳אָרְט׳ – וָוארְן ס׳פַארְנֶעמְט זִיךְ נָאךְ פָּארְט עַל־כָּל־פָּנִים, עֶפֶּעס אַ ׳אָרְט׳.

אוּן ׳אִיךְ׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳הוֹיקֶער׳), הָאבּ אַזוֹי אַ ׳מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה׳ – וָואס דֶער ׳מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה׳, אִיז שׁוֹין גָאר דֶער ׳עֶק׳ פוּן דֶעם ׳אָרְט׳ – וָואס פוּן דָארְט הֶעכֶער, אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין ׳אָרְט׳ נִישְׁט פַארְהַאנְדְן. אִיבֶּערְדֶעם קֶען אִיךְ אַייךְ טְרָאגְן אַלֶע, צוּ דֶעם ׳בּוֹים׳, וָואס עֶר אִיז ׳הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט׳.

(וָוארְן דֶער ׳הוֹיקֶער׳, אִיז אַזוֹי־ווִי אַ ׳מְמוּצָּע׳ – דְהַיְינוּ: ׳אִינְמִיטְן׳ – צְווִישְׁן ׳אָרְט׳, אוּן צְווִישְׁן ׳הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט׳ – וָוארְן עֶר אִיז אַזוֹי אַ ׳מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה׳, וָואס ס׳אִיז גָאר דֶער ׳עֶק׳ פוּן דֶעם ׳אָרְט׳ – וָואס פוּן דָארְט ׳הֶעכֶער׳, אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין שׁוּם ׳אָרְט׳ נִישְׁט פַארְהַאנְדְן – אִיבֶּערְדֶעם קֶען דֶער ׳הוֹיקֶער׳, זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם ׳אָרְט׳, אוּן זָאל זֵיי טְרָאגְן צוּ ׳הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט׳).

הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶענוּמֶען, אוּן הָאבּ זֵיי אִיבֶּערְגֶעטְרָאגְן צוּ דֶעם בּוֹים. נִמְצָא, הָאבּ אִיךְ אַ ׳הַסְכָּמָה׳, אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַ ׳מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה׳. (אוּן אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ ׳הוֹיקֶער׳ – וָוארְן עֶר טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ פִּיל, וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ אַ ׳מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה׳). הַיינְט, שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ.

אִיז דָארְט גֶעוָוארְן, זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה.

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (12)

**א. איז דא א בוים וואס אלע חיות און עופות רוען דארט?**

- ❑ ס'איז דא א בוים וואס אלע חיות רוען דארט
- ❑ ס'איז דא א בוים וואס אלע חיות און עופות רוען דארט
- ❑ א חלק האבן געזאגט אז עס איז דא, און א חלק נישט

**ב. האבן זיי גלייך געוואוסט דעם וועג צום בוים?**

- ❑ א חלק האבן געזאגט אז די וועג איז פון מזרח, און א חלק פון מערב
- ❑ אלע האבן געזאגט אז די וועג איז פון מערב
- ❑ אלע האבן געזאגט אז די וועג איז פון מזרח

**ג. ווער קען קומען צו דער בוים?**

- ❑ ווער ס'האט אמונה און יראה
- ❑ ווער ס'האט ענוות און אמת
- ❑ ווער ס'האט אמונה און יראה, ענוות און אמת

**ד. אלע פון די כתה האבן געהאט די מידות צו קומען צום בוים?**

- ❑ אלע האבן גלייך געהאט, נאר זיי האבן נישט געוואוסט די וועג
- ❑ א חלק האבן געהאט די מידות און זיי זענען אליין געגאנגען
- ❑ די וואס האבן געהאט די מידות האבן געווארט אז אלע זאלן האבן די מידות

**ה. וואס איז די מועט מחזיק את המרובה פון דעם בעטלער?**

- ❑ אז ער קען זיי ברענגען צו דעם בוים
- ❑ אז ער קען פירן דעם גרויסן ארימאן
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס איז א מיעוט מחזיק את המרובה

**ו. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

וויפיל מאל דערציילט דער רבי אין ספורי מעשיות וועגן א בוים?

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות דאסווארט "בוים"?

וועלכע זאך וואס ווערט דערמאנט אין דער מעשה, ווערט אויך דערמאנט אין

היינטיגע פרשה (וארא)?

### תשובות אויף פאריגע וואך

איז ביי די שמועס געפאלן די אלע וואס האבן זיך באריימט מיט "מיעוט מחזיק את המרובה?"

אלע זענען געפאלן חוץ דער ערשטער.

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 11 איז**
**הילד החשוב אלעזר מרדכי ראזנפעלד, בית שמש**
**6275****

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

## הייליגע אויגן

"צובינדן די זיכערהייט פאסיג" האט מען אויסגערופן אין עראפלאן. "מיר גרייטן זיך צו לאנדן."

"קוק ארויס פון פענסטער," זאגט ר' יצחק צו זיין זון שמעון, "דער עראפלאן גייט שוין לאנדן, ס'איז זייער אינטערעסאנט מיטצוהאלטן." שמעון'ס אויגן רוקט זיך נישט אוועק פון די פענסטער. עס איז ווי צוגעקלעפט, נישט מיטהאלטנדיג וואס ס'טוט זיך אינעם פליגער. ער איז אזוי פארטון וואס ס'טוט זיך אין די וואלקענעס. קיינמאל אין זיין לעבן האט ער נישט געהאט אזא מעגליכקייט צו זען דעם באשעפערס וואונדער פון אזא הויכע זע-ווינקל. לעצטע מאל פליענדיג קיין אומאן, איז געווען פינסטער, דאס האט אים געמאכט אוממעגליך צו זען דעם לאנדונג. די יעצטיגע נסיעה אבער איז אזוי אינטערעסאנט, עס שפיגלט זיך אים אין מח וואס ער האלט יעצט מיט ווי ער וואלט עס געליינט אין א ביכל.



גלייך ביים אהיימקומען דערציילט שמעון מיט ברען און התלהבות דאס וואס ער האט נארוואס מיטגעהאלטן פונעם פענסטער אין פליגער: "כ'האב געזען קליינטשיגע הייזער אין די גרויס פון מיין קליינע פינגער. קליינע אויטאס האבן אויסגעקוקט ווי ברעקעלעך. כ'האב געזען ביימער און שטראזן קלענער ווי מיינע לעגא וואס איך שפיל זיך דערמיט."

"דאס אלעס?! נאר דאס האסטו געזען?! אפאר הייזער, וועגן און ביימער?!" וואונדערט זיך שמעון'ס מאמע.

דו האסט דאך געזען דעכער און טורעמעס, באסעס, באנען, לאסט מאשינען און טענדערס, חדרים און ישיבות, שולן, מקוואות און פאלקס קיכן, עסן געשעפטן, פעלדער און וועלדער, פייגלעך, קברי צדיקים און נאך טויזנטער איינצלהייטן האסטו געזען, האסט דאך געקענט מיטהאלטן פון אויבן צו זען א פערטל פון ארץ ישראל.

"גוט, ריכטיג אז איך האב עס געזען, אבער דער פליגער איז אזוי געשווינד געפארן אז דאס אלעס וואס כ'האב געזען איז נישט מער ווי אין איין סקונדע אריבער מיין אויגן, דערפאר קען

המשך אויף זייט 6

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' יעקב דוד ראטענבערג הי"ו
לרגל נישואי בנו הבה"ח מרדכי
אלימלך נ"י למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' משה יצחק שנעק הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נתן אנשין הי"ו
לרגל הכנסת בנו אברהם נ"י
לעול תורה ומצות